**נספח מיוחד**
לקראת ימי ראש השנה הבעל"ט
**המסירות נפש של אנ"ש**
**על הנסיעה לראש השנה**
**שלו העולה על הכל!**

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ק"ז**

יו"ל: י"ח אלול ה'תשפ"ב

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב,
נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

**האלט זיך אָן אין נשמות ישראל**
**מה לילוד אשה בינינו?!**
**"ותקעתיו יתד במקום נאמן"**
**אויב אליין - ברענט א פייער!**
**אויפבויען מיין אייגענע ירושלים**
**"הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל"**
**ניטאמאל שעמט ער זיך...**
**"דא זיצט איינער וואס הערט דעם כרוז"**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ 107#

בס"ד

# שיעור פרשת ויצא

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 114#)

## האלט זיך אָן אין נשמות ישראל

מיר האלטן אין דער ערשטער תורה אין דעם אנדערן חלק, סעיף ב'. אויבן האבן מיר געלערנט[א], אז אַן איש ישראלי איז באשאפן געווארן ער זאל האבן ממשלה אויף די מלאכים; די מלאכים וועלן דארפן פרעגן ביי די אידן, ביי די צדיקים: 'וואס טוהט דער אויבערשטער?' כדי צו דערקענען דעם אויבערשטן. דאס הייסט אז אידן וועלן זיין נענטער ווי מלאכים. זאגט דער רבי: יעדער איינער דארף זעהן ער זאל קומען צו דער תכלית און אז ער זאל האבן כח צו איינשטיין אין דער דאזיגער ממשלה.

עס ווייזט אויס, אז קומען צו דער ממשלה - קען ער קומען; אז ער האט עפעס א נסיון און ער איז עומד בנסיון, ער צעברעכט מניעות, איז מען העכער ווי א מלאך -

[א] באות א', וז"ל שם בתורה "תקעו בחודש שופר בכסא ליום חגנו (תהלים פ"א)". "**כי איש הישראלי נברא שיהיה לו ממשלה על המלאכים, וזה התכלית והסוף של ישראל**, כמו שאמרו רז"ל (ירושלמי שבת פרק ב'): 'עתידין צדיקים שיהיה מחיצתן לפנים ממלאכי השרת', שנאמר: "כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל", שהמלאכים יצטרכו לשאול מישראל כשירצו לידע מה פעל אל. **וצריך כל אחד לראות שיבוא לזה התכלית שיהיה לו ממשלה על מלאכים**. אך צריך לשמור עצמו מאד ולראות שיהיה לו כח לעמוד בממשלה זו, שלא יקנאו בו מלאכי השרת ויפילו אותו, חס ושלום, כי המלאכים מתקנאים מאד באדם כזה שיש לו ממשלה עליהם, כמו שמצינו שאמרו רז"ל (חגיגה טו:) על כמה גדולים שביקשו מלאכי השרת לדחפו".

א מלאך האט דאך נישט קיין מניעות. אבער צו שטיין אין דער ממשלה מען זאל אים נישט אראפוואַרפן - על-פי-רוב ווען דער מענטש איז עפעס עומד בנסיון האט ער דערנאך א געוואלדיגע התגברות, מען איז זיך אויף אים זייער מתגבר. דארף ער זעהן צו איינשטיין אין דער ממשלה מען זאל אים נישט אראפוואַרפן.

וואס איז די עצה דערצו? "והעצה על זה, לקשר עצמו עם נשמות ישראל" - זיך מקשר זיין מיט נשמות ישראל, "ועל ידי ההתקשרות ניצול מהם"[ב]. דאס הייסט, ער זאל האבן אהבה צו אלע אידן. אז ער איז אליין, וויפיל ער איז גרויס קען מען אים אראפוואַרפן, מען קען אים מקנא זיין.

טאקע דוד המלך, ווען שאול האט אים געיאגט, האט ער געפונען אַן הרחבה: יעקב אבינו איז אנטלאפן איינער אליין, קיינער איז נישט געווען מיט אים, אבער דוד אז ער איז אנטלאפן זענען אלע גיבורים געווען מיט אים (און אלע סנהדרין זענען) געווען מיט אים. מיט אסאך זאכן האט ער זיך מחיה געווען: ער איז נישט איינער אליין, זיי זענען אלע געווען מיט אים - אלע גדולים און גיבורים, האט ער געפונען אַן הרחבה[ג]. קומט אויס, אז דאס וואס מען איז זיך מקשר מיט נשמות ישראל, אז מען איז נישט איינער אליין, דאס איז א געוואלדיגער כח אז מען זאל קענען שטיין אין דער ממשלה.

---

[ב] שם בהמשך אות ב': "**והעצה על זה לקשר עצמו עם נשמות ישראל ועל ידי ההתקשרות ניצול מהם**. וזה בחינת (איוב כ"ו): "**מאחז פני כסא**", שצריך לאחוז עצמו בשרשי הנשמות החצובות מתחת כסא הכבוד, שהיא בחינת (בראשית ג'): "**אם כל חי**". וזה בחינת מה שאמרו רז"ל (שבת פח:): '**בשעה שעלה משה למרום, אמרו מלאכי השרת: 'מה לילוד אשה בינינו?' אמר להם: 'לקבל תורה בא'. אמרו: 'אשר תנה הודך על השמים' וכו'. אמר הקדוש ברוך הוא למשה: 'החזר להם תשובה'. אמר: 'אני מתיירא שלא ישרפוני בהבל פיהם'. אמר לו: אחוז בכסא כבודי'** וכו'; היינו שנתן לו השם יתברך עצה לאחוז ולהתקשר בשרשי הנשמות שהם בחינת כסא הכבוד, אם כל חי, כנ"ל, שעל ידי זה יהיה ניצול מן קנאת המלאכים כנ"ל".

[ג] עי' זוה"ק ויצא קנא:

אט דאס הייסט אהבת ישראל: האבן אהבה צו אלע אידן, דאס אליין גיט אריין אין דעם מענטשן א כח - ער איז נישט איינער[ד]. ווייטער זאגט דער רבי[ה], איז ער זיך מקשר צו די צדיקים.

"וזה בחינת: 'מְאַחֵז פְּנֵי כִסֵּא'"[ו]. פון דעם כסא הכבוד גייען ארויס דארטן אלע נשמות ישראל - 'זאל ער זיך אנהאלטן אין שרשי נשמות החצובות מתחת כסא הכבוד'. ווי קען מען זיך אנהאלטן אין אלע נשמות? ליב האבן אלע אידן! האבן אהבה צו אלע אידן, דן זיין לכף זכות אלע אידן, דערמיט וועט ער האבן כח צו איינשטיין אין דער ממשלה, וואס דער כסא הכבוד איז די בחינת "אֵם כָּל חָי"[ז] וואס פון דארטן נעמען זיך אלע נשמות ישראל.

❖

---

[ד] עי' ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מלקוחות ה"ה, אות מ': "על פי כל המבואר לעיל מובן ממילא גודל מעלת השלום בין ישראל וכמו שהפליגו רז"ל בזה הרבה בענין מעלת השלום שעולה על הכל, **כי כבר מבואר שעיקר קיום האדם ותיקונו הנצחי הוא על ידי שיאחז עצמו בכסא הכבוד שהוא שרשי נשמות ישראל** וכו' וכו' וכנ"ל, **ועל כן בודאי צריכין לזה שיהיה שלום גדול עם כל ישראל ושיהיה שלום בין כל אחד לחבירו כדי שיתקשרו יחד באהבה ושלום כל שרשי נשמותם ולא יהיה ביניהם שום פירוד על ידי איזה שנאה ומחלוקת, חס ושלום**, כדי שיוכל להתאחז בשרשי נפשותם הנכללים יחד על ידי האהבה והשלום". גם עי' ב"קיצור ליקו"מ": **"אמר המעתיק: מזה נראה, כי אין להמלאכים כח להלחם רק עם נשמה אחת מישראל, אבל עם כלליות נשמות ישראל אשר כל העולם נברא בשבילם כנודע אין להם כח כלל להלחם!"**.

[ה] שם אות ג': "ולקשר עצמו לשרשי הנשמות של ישראל צריך לידע מקור כל הנשמות ומקור חיותם, מהיכן כל נשמה ונשמה מקבלת חיות, והעיקר לידע כל מפורסמי הדור. **כי אם אינו יכול לידע ולקשר עצמו בפרטיות עם כל נשמה ונשמה, צריך לקשר עצמו עם כל מפורסמי ומנהיגי הדור**, כי הנשמות נחלקים תחתם, כי כל מפורסם ומנהיג הדור יש לו כמה נשמות פרטיות, השייכים לחלקו, **וכשמקשר עצמו עם המפורסמים, הוא מקשר עם כל פרטי נשמות ישראל**".

[ו] איוב כו, ט.

[ז] בראשית ג, כ.

## מה לילוד אשה בינינו?!

דער רבי גיט אונז דער עצה - און די אייגענע עצה האט דער אויבערשטער אויך געגעבן משה רבינו'ן. - "וזה בחינת מה שאמרו רז"ל: 'בשעה שעלה משה למרום'" - ער האלט ביי אזא מין סארט מדריגה, ארויפגעגאנגען למרום, א געוואלד. "אמרו מלאכי השרת: 'מה לילוד אשה בינינו?!'". אונזערע לייט פלעגן דא מדייק זיין דעם "בינינו". זיי רעדן דאך צום אויבערשטן, איז אז משה שטייט אינדערמיט איז דאך משה נענטער צום אויבערשטן פון אונז (- המלאכים); אז משה זאל שטיין אונטער אונז - זענען 'מיר' נענטער צום אויבערשטן, אבער אז משה איז דאך אינדערמיט איז 'ער' דאך נענטער צום אויבערשטן. פארוואס איז ער 'בינינו'? זאל ער זיין אונטער אונז.

(ר' נחמן: ווער זאגט דעם ווארט אויף "בינינו"?) אזוי פלעגט מען לערנען, אזוי האב איך געהערט, אזוי גיב איך איבער. איך האב געהערט אין אומאן אסאך מאל לערנען דער תורה, אזוי האט מען געלערנט.

- האט דער אויבערשטער געזאגט: 'ער איז געקומען נעמען דער תורה' דערפאר איז ער נענטער פון אייך. "אמרו: 'אשר תנה הודך על השמים'" - גיב אונז אויך דער תורה וועלן מיר אויך זיין (נענטער). "אמר הקדוש-ברוך-הוא למשה: 'החזר להם תשובה'". דער אויבערשטער האט דא געוויזן אז משה איז גערעכט: זיי פרעגן דאך א קשיא – 'גיב אונז דער תורה'. (זאגט דער אויבערשטער:) 'משה ענטפער זיי פארוואס איך גיב זיי נישט דער תורה'! זיי ווייסן נישט צו ענטפערן פארוואס איך גיב זיי נישט דער תורה - און משה וועט יא ענטפערן פארוואס איך גיב זיי נישט דער תורה, איז דאך 'שוין' משה גרעסער פון זיי.

האט משה רבינו געזאגט: 'איך האב מורא "שלא ישרפוני בהבל פיהם"' - איך האב מורא אז זיי וועלן אין מיר מקנא זיין; אז זיי זעהען דאך אז איך בין גרעסער פון זיי וועלן זיי מקנא זיין אין מיר - איך האב מורא פאר זיי. "אמר לו: 'אחוז בכסא

כבודי' וכו'. היינו", דער אויבערשטער האט אים געגעבן אַן עצה: האלט זיך אָן און זיי זיך מקשר זיין אין שרשי הנשמות וואס דאס איז בחינת 'כסא הכבוד', "אם כל חי", 'שעל-ידי-זה וועט ער ניצל ווערן פון קנאת המלאכים'.

אזוי גרויס וואס משה רבינו איז דאך געווען, פונדעסטוועגן האט ער געדארפט האבן אַן התקשרות צו נשמות ישראל. געוואלד, אז ער אליין, כאטש ער איז אזוי גרויס - האט ער נאך מורא! אז דו וועסט זיך אנהאלטן אין אלע נשמות ישראל דעמאלט וועסטו קיין מורא נישט האבן.

דער רבי וועט דאך זאגן ווייטער, אז מען ווייסט נישט (איך להתקשר בפרטיות עם כל נשמה) זאל מען זיך מקשר זיין צו די צדיקים. בפשיטות קומט פון דא אויס אז מען דארף האבן אהבה - מען דארף האבן אהבה בכלל, ער זאל האבן אהבה מיט אלע אונזערע לייט, אויף קיינעם נישט האבן קיין שום פארדרוס, קיין שום קנאה, קיין שום שנאה חלילה. דער רבי רעדט דא פון אלע נשמות ישראל - בפרט נאך פון אונזערע לייט דארף מען אוודאי האבן א ליבשאפט צו אלעמען. אז איינער איז אליין - ער איז דאך נישט גרעסער פון משה'ן! האלט זיך אָן אין נשמות ישראל דעמאלט וועסטו קיין מורא נישט האבן, מען וועט דיר גארנישט קענען טוהן!

❖

# "ותקעתיו יתד במקום נאמן"

(לומד ההמשך[ח]:) "וזה בחינת: 'וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע אֲשֶׁר לָקַח מִן הָאָדָם"[ט]. 'ויבן' ראשי תיבות: 'וּ'תְקַעְתִּיו יָ'תֵד בְּ'מָקוֹם נֶ'אֱמָן"[י]. דער פסוק שטייט דארט ביי אליקים בן חלקיהו. דער גבאי (ממונה על בית חזקיהו המלך) איז פריער געווען "שבנא הסופר". שבנא איז געווען זייער גרויס, אבער נאכדעם איז ער געווארן א חולק אויף חזקיהו המלך, ער איז ממש געווארן א רשע (שרצה להסגיר את חזקיהו המלך ביד סנחריב). האט ער (ישעי' הנביא) געזאגט: "מה לך פה" - וואס טוהסטו דא?! און מען האט געמאכט אויף זיין ארט 'אליקים בן חלקיהו', ער איז געווארן דער גבאי. שטייט דארט (על אליקים, בהתמנותו:) "ותקעתיו יתד במקום נאמן" - איך וועל ארייננשטעקן אזוי ווי מען שטעקט אריין א יתד אין א מקום נאמן, דאס הייסט, 'ממשלה'. דער תרגום יונתן זאגט אויף דעם פסוק: "וְאֱמַנֵּינֵהּ אֲמַרְכָּל מְהֵימָן מְשַׁמֵּשׁ בַּאֲתַר קַיָּם". "אמרכל" הייסט, א מושל. "באתר קיים" – אויף א פעסטן ארט.

דאסווארט 'ויבן' איז א לשון: איינבויען. זאגט דער רבי: "ויב"ן" איז ראשי תיבות: "ותקעתיו יתד במקום נאמן". 'ויבן ה' אלקים' - אז מען וויל ווערן איינגעבויעט, זיין פעסט אז מען זאל דיר נישט קענען אראפווארפן מער, איז די עצה – "את הצלע". "צלע" דאס איז חוה, און חוה איז "אם כל חי". 'ויבן' - דו ווילסט זיין איינגעבויעט פעסט? זאלסטו זיך אנהאלטן אין הצלע, אין חוה, דאס איז "אם כל חי", אין דעם כסא הכבוד, שרשי הנשמות, "שעל-ידי-זה יש כח לעמוד בממשלה זו".

---

[ח] וז"ל: "וזה בחינת (בראשית ב): **'ויבן ה' אלקים את הצלע אשר לקח מן האדם'** וכו'. **ויב"ן** ראשי תיבות: **ו'תקעתיו י'תד ב'מקום נ'אמן** (ישעיה כ"ב); שהוא בחינת ממשלה, כמו שתרגם יונתן על זה הפסוק: **'ואמנינה אמרכל מהימן משמש באתר קיים'**, היינו בחינת ממשלה הנ"ל, שיהיה לה קיום כנ"ל. וזהו בחינת הצלע, שהיא בחינת חוה אם כל חי, בחינת כסא הכבוד, שרשי הנשמות כנ"ל, שעל ידי זה יש כח לעמוד בממשלה זו כנ"ל. וזהו: 'אשר לקח מן האדם', היינו האדם העליון, כמו שכתוב (יחזקאל א): "ועל הכסא דמות כמראה אדם" וכו'. 'ויביאה אל האדם', הייינו אל האדם התחתון, שעל ידי זה יש כח לאדם התחתון לעמוד בממשלה זו כנ"ל".

[ט] בראשית ב, כב.

[י] ישעי' כב, כג.

["וזהו: **'אשר לקח מן האדם', היינו האדם העליון"**]. פון וואנעט נעמט זיך דער כסא הכבוד? - **"אשר לקח מן האדם ויביאה אל האדם"**. דער 'אדם העליון' איז אויפן כסא הכבוד, דער כסא הכבוד נעמט זיך פונעם אדם העליון. "אשר לקח מן האדם" מיינט, פון דעם 'אדם העליון', "כמו שכתוב: 'ועל הכסא דמות כמראה אדם' וכו'. 'ויביאה אל האדם', היינו אל האדם התחתון". דעם כסא הכבוד ברענגט מען צום אדם התחתון אז דער אדם התחתון זאל האבן כח צו שטיין אין דער ממשלה. דאס גרויסקייט פון דער כסא הכבוד נעמט זיך פון דעם אדם העליון, און מען ברענגט אים צום אדם התחתון אז דער אדם התחתון זאל האבן כח צו שטיין אין דער ממשלה. דער פסוק איז מודיע פון וואנעט עס נעמט זיך דער כסא הכבוד.

זעהט מען פון דאנעט ארויס, דער רבי ווייזט אלץ אויף: פריער ווייזט דער רבי פון משה רבינו; און דער רבי ווייזט אויף ביי אליקים בן חלקיהו - גרויסע מענטשן געווען, אבער זיי האבן זיך געמוזט אנהאלטן אין דעם צלע, אין דעם כסא הכבוד. און דער רבי זאגט ווייטער אז רב עמרם חסידא האט אויך געמוזט אנקומען צו דער עצה.

❖

## אויב אליין - ברענט א פייער!

- **"וזה שאמר רב עמרם חסידא אל המלאך: 'אנא בשרא ואנת אש'"**[יא]. א מעשה אין דער גמרא איז דארטן דא, א מעשה מיט א לייטער, אויבן איז געווען נשים, ער האט געהאט א נסיון, איז ער געקראכן אויפן לייטער, און אינמיטן לייטער האט ער אנגעהויבן שרייען מיט א קול: **"נורא בי עמרם"** - עס ברענט אין מיר א פייער!

---

[יא] שם בהמשך: "וזהו שאמר רב עמרם חסידא אל המלאך (קדושין פא.): **'אנא בשרא ואנת אש, ואנא עדיפנא מינך'. 'בשרא' ראשי תיבות: ש'שים ר'יבוא ב'כרס א'חד**, דהיינו בחינת שרשי הנשמות, שעל ידי זה יש לו כח, שיהיה לו ממשלה על המלאכים, בחינת: 'אנא עדיפנא מינך' כנ"ל".

זענען געקומען צו גיין די תלמידים, איז ער געווארן זייער פארשעמט. זאגט ער: ׳בעסער צו ווערן דא פארשעמט ווי איידער דארטן׳!

אז דער פייער איז פון אים אוועק (- השטן), האט ער געזאגט: ״אנא בשרא״ - איך בין דאך פלייש, ״ואנת אש״ - און דו ביסט דאך פייער - און איך בין בעסער פון דיר, איך בין דיר בייגעקומען. איז דאך אויך פשט, בשעת ער איז געווען איינער אליין איז ער געקראכן אויפן לייטער, אבער אז ער האט אנגעהויבן צו שרייען און עס זענען געקומען די תלמידים, איז ער שוין ניצול געווארן.

ער איז דאך געקראכן אויפן לייטער, ער האט נישט געקענט עומד בנסיון זיין. אז ער האט אנגעהויבן שרייען: ׳עס ברענט אין מיר א פייער!׳ זענען געקומען די אלע חברים און תלמידים, איז ער שוין ניצול געווארן. איז די ראיה שוין דערפון: אז ער איז געווען איינער אליין איז ער געווען אין א סכנה, אבער אז ער האט זיך אנגעהאלטן מיט נאך איז ער שוין ניצול געווארן.

האט ער געזאגט טאקע – ׳איך בין בישרא׳. בישרא איז דען שטארקער פון פייער? נאר בשר״א איז ראשי תיבות ש׳שים ר׳בוא ב׳כרם א׳חד - דאס מיינט מען ׳נשמות ישראל׳, ״דהיינו בחינת שרשי הנשמות, שעל-ידי-זה יש לו כח שיהיה לו ממשלה על המלאכים, בחינת: אנא עדיפנא מינך כנ״ל״. פארוואס בין איך בעסער פון דיר, דו ביסט דאך פייער!? א מלאך איז דאך פייער, קען ער דאך פארברענען די מענטשן!? נאר אז איך האלט זיך אָן אין שרשי הנשמות, איך האלט זיך אָן אין כסא הכבוד, דערפאר בין איך בעסער פון דיר.

רעכנט דער רבי דא אוים: משה רבינו האט זיך גענוצט מיט דער עצה; אליקים בן חלקיהו; און רב עמרם חסידא - אלץ מיט דער עצה. און דער רבי גיט אונז אויך די אייגענע עצה: ׳דו האסט מורא אז מען זאל דיר נישט פארברענען? האלט זיך אין כסא הכבוד, האלט זיך אן אין נשמות ישראל!׳.

דער רבי וועט זאגן ווייטער קעגן (- כלפי) צדיקים. אבער בפשיטות קומט אויס טאקע, אז דער רצון פון דעם רבי'ן איז געווען אז מען זאל האבן אהבה צו אלע אידן.

עס שטייט טאקע אין שיחות הר"ן[יב], מען האט דעם רבי'ן געפרעגט אַן עצה אויף התמדה. (אמר:) 'דו זאלסט נישט רעדן אויף קיין שום בר ישראל'.

דעם רבי'נס זאך איז געווען, אזוי ווי דער רבי איז געווען א רחמן אויף די ערגסטע מענטשן - אויף די 'דרי מטה' און 'דרי מעלה'[יג], דארפן מיר זיך אויך ציען צו דעם וועג, מיר זאלן ליב האבן יעדן איינעם, קיינעם נישט אוועקמאכן, קיינעם נישט זאגן אז ער איז א נידח. ווי אזוי זאלסטו האבן כח צו שטיין קעגן דעם יצר וואס וויל דיר אראפווארפן טאמער וועסטו זיין איינער אליין (און שטענדיג זאגן) - 'דער' טויג נישט, (און 'דער' טויג נישט, וכו')?! אז דו וועסט זאגן אז נאר דו ביסט דער ערליכער איד וועסטו קיינמאל נישט שטיין! דו ביסט נישט גרעסער פון משה רבינו און נישט פון רב עמרם חסידא וואס זיי האבן געמוזט אנקומען צו אלע נשמות ישראל; אין דער מינוט וואס עס איז זיי געווען שלעכט האבן זיי מורא געהאט אז מען וועט זיי פארברענען.

❖

## אויפבויען מיין אייגענע ירושלים

(לומד ההמשך סעיף ג'[יד]:) "אך צריך לידע ולהכיר את המפורסמים כי יש כמה מפורסמים שהם בשקר". מען טאר זיך נישט צובינדן צו זיי, זיי זענען גאר בשקר,

[יב] אות צ"א, וז"ל: "**סגולה להתמדה שיזכה להיות מתמיד בלימודו, הוא להיזהר לבלי לדבר על שום איש ישראלי**" וכו', עיי"ש.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז'.

[יד] וז"ל: "**אך צריך לידע ולהכיר את המפורסמים. כי יש כמה מפורסמים שהם בשקר והם רק על ידי עזות**, כמו שאמרו רז"ל (סנהדרין קה.): '**עזות מלכותא בלא תגא**'".

זיי האבן אויך נשמות - נאר 'ראש כל חוצות'[טו], די נשמות וואס פאלן אריין צו זיי וואלגערן זיך אין אלע גאסן, זיי זענען נאר על-ידי עזות, "**עזות מלכותא בלא תגא**", אויבן האט מען אים נישט געקרוינט, ער נעמט זיך אליין דער מלכות, צו אזעלכע מפורסמים קען מען זיך נישט מקשר זיין.

זאגט דער רבי[טז]: "**ולהכיר את המפורסמים איזהו על ידי עזות**" - ווי קען איך זיי דערקענען? איך ווייס דאך נישט! זאגט דער רבי: 'דורך בנין ירושלים' - איך זאל אויסבויען ירושלים, דאס איז דאס הארץ. ווייל ירושלים איז יראה, יראה שלם, "היינו שלימות היראה התלויה בלב" - איך זאל אויסבויען דער יראה וואס די יראה הענגט אָן אין הארץ, אזוי ווי חז"ל זאגן: 'דבר המסור ללב נאמר בו ויראת'. און אז ער וועט האבן דער יראה וועט ער דעמאלט קענען דערקענען וואספארא מפורסם איז פון עזות און וואס נישט.

דער רבי זאגט נישט קיין זאך און שטעלט זיך אפ און גייט ווייטער. דער רבי גייט ווייטער (- טיפער) און ער זאגט: אז איך ווייס נישט (ווי אזוי צו דערקענען די מפורסמים) זאלסטו אויסבויען דער יראה. ווי אזוי זאל איך אויסבויען דער יראה? וועט ער ווייטער זאגן, דורך מכניע זיין די דריי תאוות. דער רבי זאגט נישט קיין זאך און האקט אפ אינדערמיט - און ווייטער ווייס איך נישט וואו צו גיין... ער גייט ווייטער: אז דו וועסט אויסבויען דער יראה וואס איז אין הארץ דעמאלט וועסטו דערקענען וואספארא מפורסמים זענען דורך עזות און וואס איז נישט דורך עזות.

---

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז.

[טז] שם בהמשך אות ד': "**ולהכיר את המפורסמים, איזהו על ידי עזות, הוא על ידי בנין ירושלים**, שהוא בחינת הלב, כי ירושלים בחינת יראה שלם (מדרש רבה וירא פרשת נ"ו, ועיין מדרש רבה במדבר פרשה ב' על פסוק: "נאוה כירושלים"), היינו שלימות היראה התלויה בלב, כמו שאמרו רז"ל (קדושין לב): 'דבר המסור ללב נאמר בו ויראת'".

"אך יש שלש מידות שהם מחריבי ירושלים, דהיינו הלב, היינו שמפסידין היראה התלויה בלב"[י]. עס איז דא דריי מידות וואס זיי הייסן: מחריבי ירושלים - זיי מאכן חרוב ירושלים, דאס הארץ; זיי זענען מפסיד דער יראה התלויה בלב. ווען איז שייך צו מאכן חרוב? אז איך בוי אויס, מאכט מען חרוב. א איד בויעט אויס א שטיקעלע יראה - ער דאוונט און ער לערנט, קומען די דריי תאוות און מאכן דאס חרוב. ער בויעט יא, ער בויעט א שטיקעלע יראה, אז ער טוהט דאך מצוות ומעשים טובים טוהט ער אביסעלע אויסבויען ירושלים, קומען די דריי תאוות און מאכן דאס חרוב. יעדער איינער בויעט דאך אוודאי, מען טוהט דאך גוטע זאכן, בויעט מען דאך ירושלים, מען בויעט דאך דער יראה, אבער זיי מאכן חרוב, הייסן זיי מחריבי ירושלים, זיי מאכן חרוב דער יראה. אויב איך זאל נישט אויסבויען קיין שטיקעלע - וואס מאכן זיי חרוב? זיי האבן נישט וואס חרוב צו מאכן! איז דער פשט, מען בויעט יא, נאר זיי מאכן חרוב, 'און דאס איז מפסיד היראה התלויה בלב'.

ביי יעדן איינציגסטער איד ליגט ביי אים אין הארץ א בחינה פון יראה, עס ליגט א נקודה פון אמונה: ער שטייט אויף אינדערפרי און ער לייגט תפילין, ציצית, ער טוהט א מצוה, ער וואשט זיך צום עסן און ער בענטשט - דאס איז אלץ מצוות וואס א שטיקעלע יראה ווערט אויסגעבויעט דורך אים. אבער עס קומען די דריי מידות און מאכן חרוב.

וואס זענען די דריי מידות? תאוות ממון, און תאוות אכילה, און תאוות משגל. זיי הייסן מחריבי ירושלים, זיי מאכן חרוב דער יראה. די דריי מידות זענען אין הארץ, דערפאר זענען זיי מפסיד דער יראה וואס די יראה איז אויך אין הארץ. "'ממון' שרשו בלב, בבחינת: 'ברכת ה' היא תעשיר ולא יוסף עצב עמה'". ווייזט דער

[י] שם בהמשך: "**אך יש שלש מדות, שהם מחריבי ירושלים**, דהיינו הלב, היינו שמפסידין היראה התלויה בלב. והשלש המדות הם: 'תאות ממון' ו'תאות אכילה' ו'תאות משגל', כי שלש מדות אלו הם בלב, ועל כן הם מפסידים היראה שבלב: 'ממון' שרשו בלב, בבחינת (משלי י): "ברכת ה' היא תעשיר, ולא יוסף עצב עמה"; בחינת (בראשית ו): "ויתעצב אל לבו". 'אכילה', בחינת (תהלים ק"ד): "ולחם לבב אנוש יסעד". 'תאות משגל' גם כן בלב, כי עיקר התאוה על ידי החמימות הבא מהדם שבחלל הלב. ומחמת שהם בלב, על כן הם מפסידין היראה שבלב שהוא בחינות ירושלים".

רבי דא א פסוק וואס איז דער היפך פון תאוות ממון: ממון איז שרשו בלב - ווייל אז עס איז דארטן דא ברכת ה' איז נישטא קיין עצב עמה. "בחינת: 'ויתעצב אל לבו'" - דאס איז שוין תאוות ממון, דאס אז עס מאכט שוין עצבות אין הארצן מאכט 'שוין' שאדן דער יראה.

ביי 'אכילה' איז דא א פסוק: "ולחם לבב אנוש יסעד", מיינט מען אויך אויפן גוטן אופן - אכילה דקדושה, (וכו' וכו'). און אט דאס איז די דאזיגע דריי וואס הייסן 'מחריבי ירושלים'. אזוי קען מען דאך טייטשן "מחריבי ירושלים" - איך ווייס?! דאס איז די מחריבי ירושלים, זיי מאכן חרוב ירושלים - אט די דריי תאוות! ער זיצט זיך אין שטוב, ער טשעפעט קיינעם נישט - און ער מאכט חרוב ירושלים, די דריי תאוות.

אז יעדער איינער זאל האבן 'זיין' ירושלים אויסגעבויעט, וואלט טאקע געווען ירושלים 'בכלל' אויך. אז יעדער איינער זאל אפהיטן 'זיין' ירושלים, 'זיין' יראה בלב, און נישט חרוב מאכן ירושלים דורך די תאוות, וואלט געווען א ירושלים בכלל אויך. נאר ווייל די ירושלים איז נישטא ביי יעדן איינעם בפרט, מען מאכט חרוב, ממילא איז די ירושלים בכלל אויך נישט אזוי ווי אזוי עס דארף זיין.

❖

## "הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל"

דער בית המקדש איז געווען פעסט אויסגעבויעט; שלמה המלך האט געבויעט זיבן יאר דעם בית המקדש מיט אזעלכע מיני פעסטקייטן, עס איז גארנישט געווען קיין גשמיות'דיגער כח דאס חרוב צו מאכן - און ער איז פארט חרוב געווארן; ווייל דער ירושלים איז נישט געווען, זיי האבן חרוב געמאכט דעם ירושלים (ע"י שלש מידות אלו), איז חרוב געווארן דער ירושלים פון אויבן אויך.

מען קען זיך אויסמאלן? שלמה המלך איז געווען א מלך וואס אלע אומות פון דער וועלט זענען געקומען נעמען פון אים חכמה און הערן זיין חכמה, אלע זענען

געשטאנען אין א תור צו קענען צוטרעטן און הערן און זעהן דעם מלך, ער האט נישט געהאט אויף זיך קיין שום מלחמה - אזוי גרויס איז ער געווען. און דער מדרש זאגט אז ער האט אזוי מדקדק געווען אין דער מלאכה, אז ער איז געקראכן אונטן אויף דער ערד... "הַכֹּל בִּכְתָב מִיַּד ה' עָלַי הִשְׂכִּיל"[יח], עס האט געדארפט זיין אויפן האר, אלץ מיט שמות הקדושים! דוד המלך האט אים איבערגעגעבן "בכתב מיד ה' עלי השכיל", איז ער געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און געקוקט אין אלע ווינקעלעך, אלץ זאל זיין פונקטליך אזוי ווי די שמות זאגן. זיבן יאר צייט האט ער געבויעט דער בנין, ער האט געמוזט וויסן אלעס. א מלך וואס אלע שטייען דארטן אין תור און ווילן אים אנקוקן און ווילן אים זעהן און רעדן מיט אים, האט ער זיבן יאר געבויעט ירושלים, עס האט געמוזט זיין נאר אזוי ווי ער האט געוואוסט, אזוי ווי מען האט אים איבערגעגעבן "מיד ה' עלי השכיל", אלץ ברוח הקודש, עס איז געווען אויסגעמאסטן אפילו די שמות הקדושים, די צירופים, אויפן אות, אויפן האר, נישט אנדערש ווי עס האט באדארפט צו זיין. איז דאך געווען גוט, און (עכ"ז) מען האט אים חרוב געמאכט. פארוואס? נאר ווייל די יראה איז חרוב געווארן פון די פרטיות'דיגע מענטשן, איז חרוב געווארן (ירושלים בכלל).

עס איז א פסוק אין "דברי הימים" אז דוד האט איבערגעגעבן שלמה המלך'ן אלעס: "הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל" - דאס האט דוד געזאגט, ער האט דאס איבערגעגעבן שלמה'ן, ער האט געזעהן אז ער איז אזא חכם – אים קען ער איבערגעבן. א געוואלדיגער בנין, אזוי פיל היכלות - אלעס. און עס האט זיבן יאר געדויערט - א געוואלד! און דארטן איז געלעגן אזא מין סארט קדושה, אזא מין סארט השראת השכינה - א געוואלד, און עס איז חרוב געווארן.

---

[יח] דברי הימים-א כח, יט.

דער אויבערשטער האט טאקע געזאגט שלמה המלך'ן נאכן אויסבויען: "הבית הזה אשר אתה בונה"[יט] - אויב דו וועסט גיין אין מיינע וועגן און דו וועסט אפהיטן מיינע מצוות, וועל איך דארטן רוהען; אז נישט וועל איך דארטן נישט רוהען.

❖

## ניטאמאל שעמט ער זיך...

(לומד ההמשך[כ]:) "וזה פירוש: 'שלש משמרות הוי הלילה' וכו'... **משמרה ראשונה חמור נוער, בחינת 'תאוות ממון'"**. מען זעהט אז יששכר איז צוגעגליכן צו א חמור. חמור מיינט מען דאך רייכקייט (כתרגומו: עתיר בנכסין) - און דער חמור שרייט. עס איז א פלא'דיגע זאך: מיט אלע תאוות שעמט מען זיך, מען שעמט זיך מיט א תאווה, מען פארבאהאלט זיך, אבער תאוות ממון - מען קריגט זיך איבער דעם, מען שלאגט זיך איבער דעם, מחלוקת'ן, מען האט דין תורה'ס איבער דעם. דער חמור שרייט... ער שרייט אויס... כאטש ביי תאוות אכילה שרייט מען דאך

---

[יט] מלכים-א ו, יב.

[כ] וז"ל שם: "וזה פירוש (ברכות ג): **'שלש משמרות הוי הלילה' וכו'. 'לילה' זה בחינת חושך, היינו מניעות, והם בחינת שלש משמרות, היינו בחינת שלש מדות** הנ"ל. וזהו: **'משמרה ראשונה חמור נוער', בחינת 'תאות ממון'**, בחינת (בראשית מ"ט): "יששכר חמור גרם" ותרגומו: **'עתיר בנכסין'**. 'שניה כלבים צועקים'. זה בחינת 'תאות אכילה', כמו שכתוב (ישעיה נ"ו): "והכלבים עזי נפש לא ידעו שבעה". 'שלישית תינוק יונק משדי אמו, ואשה מספרת עם בעלה' זה בחינת 'משגל', כמו שאמרו רז"ל (כתבות יג.): 'ראוה מדברת' וכו', וזהו 'תינוק יונק משדי אמו' כי תאוה זו לפי היניקה: אם התינוק יונק מחלב אשה חצופה, אזי מתגבר בו תאוה זו, כי 'דם נעכר ונעשה חלב' (בכורות ו:), ועל כן כשהיא חצופה, אזי מזיק להתינוק חלב הנעשה מעכירת דמיה, ונולד לו חמימות בלבו, שהוא התגברות תאוה זו. וכן להיפך, כשיונק חלב אשה כשירה, אזי לבו חלל בקרבו, ואין לו חמימות, רק מעט המוכרח למצוות הבורא יתברך שמו. וזה שאמרו רז"ל (עבודה זרה ד:): 'לא היה דוד ראוי לאותו מעשה', שנאמר (תהלים ק"ט): "ולבי חלל בקרבי". כי ל'בי ח'לל ב'קרבי ראשי תיבות חלב, היינו שעל ידי חלב כשירה לבו חלל בקרבו, ואין מתגבר בו תאוה זו, ועל כן דוד, שהיה בבחינה זו, לא היה ראוי לאותו מעשה. ולהיפך חלב אשה חצופה מוליד חמימות הרבה, בחינת: חם לבי בקרבי (תהלים ל"ט) ראשי תיבות חלב וכנ"ל. וזהו שאמרו רז"ל (שם בברכות): **'ועל כל משמר ומשמר יושב הקדוש ברוך הוא ושואג כארי'; היינו על הפסד היראה, בחינת: "אריה שאג מי לא יירא"** (עמוס ג') כי שלש מדות הנ"ל שהם בחינת שלש משמרות, הם מפסידין בנין ירושלים, היינו שלימות היראה התלויה בלב כנ"ל".

אויך – "כלבים צועקים", אבער דער ערשטער משמר איז "חמור נוער", דאס הייסט, אפילו מען שרייט ביי עסן, אבער אזוי שרייען ווי ביי געלט - - מען הרג'עט זיך דאך אוועק ביי געלט, דין תורה'ס, מען שלאגט זיך, מענטשן גייען דאך פון דער וועלט, דאס איז אַן אנדער סארט שרייען, די געשרייען פון געלט איז א העכערער שרייען ווי כלבים. כלבים איז - מען כאפט דארטן, מען כאפט - איך וועל האבן פריער, מען כאפט נאך אביסל עסן. אבער דעם סארט שרייען וואס עס איז דא ביי געלט - - - און דאס איז ביי דער גאנצער וועלט: 'געלט, געלט'. מיר רעדן נישט בפרט, דער כלל איז אזוי: די תאווה שרייט! ביי איינעם (- אצל יחידים) איז די ממון בקדושה. דער רבי זאגט דאך פריער: "ברכת ה' היא תעשיר".

דער רבי זאגט, אז די דריי מידות דאס איז די לילה, די חושך, די מניעות. און איין מידה איז פון 'חמור נוער' - מען שרייט, מען קריגט זיך, מען קען נישט דאווענען, מען האט א בלבול אינמיטן דאווענען, אינמיטן שמונה עשרה האט מען בלבולים, מען לאזט נישט דאווענען, מען זאגט שקרים מיט געוואלדיגע זאכן, אט דאס איז חמור. וואס אויף א מענטש טוהט זיך איבער געלט - עס איז א געוואלד! מען וועט דאך אים פרעגן: 'דו האסט געהאנדלט באמונה?' דאס איז פון די פראגן וואס מען וועט פרעגן לעתיד![כא]

אזוי פלעגט מען זאגן (ביי אונזערע לייט): אז 'כלבים צועקים' - איז אויך צועקים, אבער עס איז נישט אזוי ווי דער 'חמור נוער' - חמור נוער איז מער. אזוי פלעגט מען תמיד לערנען דא[כב]. כאטש דא שטייט דאך אויך צועקים, אבער מען זעהט דאך דעם חילוק...

❖

---

[כא] עי' גמ' שבת לא:

[כב] עי' פרפראות לחכמה על תורה זו, אות ג': "משמרה ראשונה חמור נוער וכו'. כי **מחמת שרוב טרדת האדם בעולם הזה הוא בתאוות ממון והיא מפורסמת ביותר, על כן נקראת משמורה הראשונה** ואחריה תאוות אכילה שמפורסמת גם כן קצת ואחריה תאוות משגל שהיא מדברים שבצינעא וכו'".

## "דא זיצט איינער וואס הערט דעם כרוז"

(לומד עד סוף הסעיף) "ועל כל משמר ומשמר יושב הקב"ה ושואג כארי" - דער אויבערשטער שרייט אויף יעדער מידה וואס מאכט חרוב דער יראה "כארי". וואס איז "כארי"? זאגט דער רבי אזוי: "היינו על הפסד היראה, בחינת 'אריה שאג מי לא יירא'". איז דאך אריה די זאך פון יראה. איז ווערליג הפסד היראה, אזוי שרייט ער.

אין תורה ג' ברענגט דער רבי דעם זוהר[כג]: "וכד איתפליג ליליא כדין כרוזא כריז: 'כצפרים האחוזות בפח, כהם יוקשים בני אדם'". אום האלבער נאכט גייט ארויס א כרוז: 'אזוי ווי ציפרים וואס ווערן אריינגעכאפט אין נעץ, אזוי ווערן מענטשן אריינגעכאפט'. דא זאגט דער רבי, אויף יעדן משמר שרייט דער אויבערשטער 'כארי' אויף דער הפסד וואס די מידות מאכן אָן, למעלה ווערט עפעס אזא מין געשריי כביכול, א מין געוויין! די שכינה הקדושה קלאגט טאקע אויף די אידן וואס זענען נישט על מקומם, ביי יעדן משמר; אויף יעדער מידה פון די מידות ווערט למעלה א געשריי: 'געוואלד! אזעלכע מידות איז דא וואס מאכט שאדן דער יראה!'. אז מען איז זוכה צו הערן דאס קלאגן פון למעלה איז אוודאי (א זכיה).

עס ווייזט אוים אז דאס ענין פון קימת חצות האט אין זיך א סגולה אז מען זאל הערן די געשרייען פון אויבן. אז אויבן שרייט מען "וכד איתפלג ליליא כדין כרוזא" - עס גייט ארויס א כרוז: "כצפרים האחוזות בפח כהם יוקשים בני אדם" – איז וואו הערט מען דעם כרוז? פלעגן אונזערע לייט זאגן: די וואס זענען זוכה אויפצושטיין חצות ווערט ביי זיי נתעורר עפעס א מין דערוועק: 'אוי!' עס שרייט זיך אוים אז איך זאל נישט ווערן אריינגעכאפט אין דעם נעץ אריין אזוי ווי די צפרים וואס ווערן אריינגעכאפט אין דעם פח!

---

[כג] ויחי ריז:

דעמאלט גייט ארויס דער כרוז למעלה און דעמאלט הערט זיך א כרוז למעלה. וואו הערט מען דעם כרוז? ווייזט אויס אז דער זמן איז מסוגל, עס גייט אריין עפעס א מין התעוררות תשובה ביי אונז: **'אוי, געוואלד! איך זאל נישט ווערן ארייגעכאפט אין דעם נעץ אריין אזוי ווי דער ציפור וואס ווערט ארייגעכאפט אין דעם פח!'** דעמאלט איז דער זמן וואס אויבן שרייט מען אויס; אז אויבן שרייט מען דעמאלט אויס דעם כרוז איז עס א סגולה אז מען זאל ביי אונז אויך עפעס דערהערן!; דעמאלט איז דער זמן וואס מען שרייט דאס אויס!

"וישמע יתרו". פארוואס איז ער געווען דער איינער (וואס האט געהערט קריעת ים סוף ומלחמת עמלק)? ווייל ער האט געהערט![כד] ער האט געהערט דעם כרוז וואס מען שרייט אויס. איך הער דען אז אויבן שרייט מען? נאר עס ווערט עפעס נתעורר אין א מענטש עפעס אזא מין סארט התעוררות תשובה: **'געוואלד! מען שרייט דאך איצטער אויס: אזוי ווי א פייגעלע וואס ווערט ארייגעכאפט אין נעץ - אזוי ווערן מענטשן ארייגעכאפט!'**.

רבי נתן האט געזאגט אויף רבי יודל'ען: אז ער הערט דעם כרוז פון "ישובו רשעים לשאולה"[כה]. זיי האבן געהערט דעם כרוז: 'כצפרים האחוזות בפח'...

---

[כד] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ז, בא"ד: "וכמובא על פסוק "וישמע יתרו": **'והלא כל העולם שמעו? אלא יתרו שמע' וכו'** (זוהר יתרו דף סח). **כי רק שמיעת יתרו נחשב לשמיעה, שנכנס באזניו, ושמיעת כל העולם אינו נחשב שמיעה כלל"** עיי"ש, וכו'.

[כה] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תי"ג: בעת המחלוקת הגדולה, נענה פעם מוהרנ"ת ז"ל ואמר לאנ"ש: **"וואס האבן מיר מורא פאר זיי? דא זיצט איינער וואס ער הערט דעם כרוז 'ישובו רשעים לשאולה'!"** (תהלים ט, יח) דהיינו הכרוז היוצא בכל מוצ"ש כמובא בזוה"ק (ויחי דף רל"ז ע"ב: "כד נפק שבתא כרוזא קרי בכל פתחא ופתחא, ואמר 'ישובו רשעים לשאולה וגו'""; וראה גם בזוה"ק ויקהל דף ר"ז ע"א); וכוונתו היתה על רבי יודל תלמיד רבינו שישב אז ביניהם.

# נספח:
# גודל
# המסירות נפש
# של אנ"ש

### על הנסיעה לראש השנה שלו העולה על הכל

# תוכן הליקוט

ראש השנה שנת תר"פ

"אזוי ווי אלע יאר..."

"אויס מתנגד"...

"צעשאסן זאל איך ווערן, נאר ביים רבי'ן זאל מען זיין!"

"אבי לעבן איינער וואס איז געווען אין אומאן..."

"נישט זיין אין אומאן אויף ראש השנה...!?"

"וואלטסטו מקיים געווען די 'עקידה"!'

"א פלא - ער וויל נישט מיטנעמען דעם זון!..."

'שומר מצוה לא ידע דבר רע'

נישט זיין אויף ראש השנה דאס קען נישט זיין!

מכון
טעם זקנים
שיחתו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

בס"ד

# גודל מסירות נפש של אנ"ש

## על הנסיעה לראש השנה שלו העולה על הכל

מלוקט מתוך קונטרסי "טעם זקנים" הקודמים

### ראש השנה שנת תר"פ

אז עס קומט ראש השנה דערמאן איך זיך, דעמאלט איז געווען דער ראש השנה פון תר"פ, דעמאלט האב איך אנגעהויבן דאווענען פאר'ן עמוד, און דעמאלט בין איך געווען שלאַף, א גאנצן זומער 'טיף' (טיפוס רח"ל), און איך בין געגאנגען ארומגעוויקלט די פיס מיט שמאטעס. ס'איז געווען דעמאלט געוואלדיג, די באנדעס איז געווען, אוי, אוי ס'איז געווען, גע'הרג'עט.

אה, האט מען דעמאלט געדאוונט! ווער האט געדאוונט? נאר עפעס א כח פון אויבן! מען האט געדאוונט! געגעבן כוחות! (אחד הנוכחים: און נאך א קרענק) נאך א קרענק? אינמיטן קרענק!

❖

(השואל: ווען איז געווען עפעס א ראש השנה אז דער גאנצער עולם איז געזונט געווארן?) יא יא, דאס איז געווען דער ראש השנה, מיר זענען אנגעקומען א טאג פאר ערב ראש השנה, מיר זענען אנגעקומען אין שול אריין, דער רעגן האט געגאסן אויפ'ן וועג, אריינגעקומען אין שול אריין אויסגעווייקט, די גאנצע שול איז געווען פול מיט

"בעטן", פון צוויי בענק איז געווען א בעט... אלע זענען געלעגן אויף 'טיף', אלע אלע, ר' אלחנן, אלע, מיר זענען אריינגעקומען אזוי ווי מען קומט אריין אין א שפיטאל אריין! א טאג פאר ערב ראש השנה, ביינאכט, ביינאכט זכור ברית!

איך בין געווען דעמאלט ביי מתתי' ע"ה, ער האט מיר אריינגענומען ביי איהם אין שטוב אריין, און ער האט מיר אריינגעלייגט אין בעט אריין, און ער האט מיר געגעבן א פאר וועש, איבערטוהן א פאר וועש, און דער גאנצער עולם האט גענעכטיגט דא אין שול, מען האט מורא געהאט צו גיין אינדרויסן!

ס'איז געקומען ביינאכט פון זכור ברית, אלע בענק צונומען!

מען האט אויסגערופן אז ביינאכט וועט מען זאגן סליחות אין שול! (השואל: דער עולם ווייסט נישט אז מען וועט זאגן?) ניין, כדי מען זאל נישט אוועקגיין!

זענען אלע געבליבן אין שול, קיינער איז נישט אוועקגעגאנגען, ווייל מען האט מורא געהאט צו גיין אויף די גאס ביינאכט (לבוא שוב לביהכנ"ס לאמירת סליחות)!

איז דער עולם געקומען אין שול אריין, ס'איז א שיינער עולם געווען, איך האב גענעכטיגט ביי מתתי'ן, אויך נעבן די שול, אויסגעווארעמט זיך אביסל, ס'איז געקומען פארנאכט – "אוים קראנקע", "אוים בעטן"! דער עולם איז שוין אנגעטוהן, און מען שטייט און מען זאגט זכור ברית געשמאק, גלייך ווי ס'איז גארנישט!

(השואל: ר' אברהם סופר האט געזאגט?) ניין, ר' אברהם איז דאך נישט געווען דעם ראש השנה, צוויי ראש השנה'ס נישט געווען, נישט ע"ט נישט פ', (מחמת פחד הפורעים כדלהלן).

און שוין, מען זאגט שוין, אינדערפרי מען האט אפגעדאווענט, דער גאנצער עולם איז געגאנגען צום רבי'ן אויפ'ן ציון, ממש גלייך ווי ס'איז גארנישט געווען! מ'האט

ארויסגעזעהן דעם רבי'נס גרויסקייט, נעכטן זענען זיי געלעגן אלע אין 'טיף', היינט זענען שוין אלע אויפגעשטאנען! מען גייט שוין אויפ'ן ציון, שוין פארטיג!

❖

## "אזוי ווי אלע יאר"!...

גערענק איך, ס'איז געקומען אויפדערנאכט, נאך דעם ערשטן מעריב, מען האט געדאווענט מנחה מעריב, איז אריינגעקומען איינער א שליח פון דעם (שטאט'ס) ראבינער, אן ערליכער איד געווען, נאר אביסל מאדערן, א מין "רב הראשי" אזא מין סארט, ער האט געשיקט א שליח אין אלע שולן און אויסגערופן - אז יענער רב האט געהייסן מודיע זיין אז מען זאל אפדאווענען פארטאג! ביז ס'ווערט טאג זאל ווערן פארמאכט אלע שולן, דאווענען פארטאג! ווייל ס'וועט זיין מארגן שיסערייען אין שטאט, און ס'איז א סכנה מען זאל זיין אין די הייזער, זאל מען ליגן אין די קעלערס, זאל מען אפדאווענען פארטאג - ראש השנה!

האט זיך אנגערופן ר' שמשון (בארסקי ז"ל) באלד - ר' שמשון גערענק איך איז געווען א שטילער - "ס'איז דעם רבי'נס ראש השנה, מען זאל דאווענען אזוי ווי אלע יאר"! מען זאל נישט מאכן קיין שום חילוק, אזוי ווי אלע יאר!

דאס איז די איינציגע שול געווען וואס מען האט געדאווענט אזוי ווי אלע יארן, אלע שולן האט מען געדאווענט פארטאג, און ווי נאר ס'איז געווארן טאג - "אויס שול"; ביי אונז - ר' שמשון האט געהאט א שטארקייט אין זיך - "דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה, און אזוי ווי מען דאווענט אלע יאר זאל מען דאווענען היינטיגס יאר"!

(השואל: אזוי איז טאקע געווען?) יא! אזוי ווי אלע יאר! מען האט אפגעדאווענט ביז דריי אזייגער, אזוי ווי אלע יאר, אין אינדרויסן איז טאקע געווען א געפערליכע זאך, און

צו אונז האט זיך נישט אנדערקענט! מיר האבן גערעדט, מען האט געזעהן - מען האט אנגעטאפט מיט די הענט אז ס'איז דא א רבי!

דער געפיל פון אונז! און דער געדאנק פון אונז (בראש השנה של רביז"ל)! ס'איז דאך א סכנה'דיגע זאך אינדרויסן (ואעפ"כ נהגנו כבכל שנה כנ"ל).

❖

## "אויס מתנגד"...

אין די נאכט, איז ר' אייזיק געקומען צו פארן פון די נייע שטאט, ער האט גענעכטיגט דארט אין א שטוב, אנטקעגן, זענען אריינגעקומען די רוצחים אין שטוב אריין צו איהם, זיי האבן געוואלט איהם שיסן, ער זאל געבן געלט, ער האט נישט געהאט מיט זיך קיין געלט, ס'איז דאך געווען יום טוב, איז געווען דארטן א כלה מיידל, האט זי זיי אוועקגעגעבן דעם גאנצן נדן, עפעס דרייצן הונדערט רובל, און זיי האבן איהם געלאזט לעבן, און זיי זענען אוועק, שוין!

נו, דאס מיידל האט געוויינט, א כלה מיידל, צוגענומען דעם גאנצן נדן! ר' אייזיק איז אוועקגעפארן - ער האט גארנישט געענטפערט איר, ער איז אוועקגעפארן נאך ראש השנה אהיים, האט ער גלייך צוריקגעשיקט מיט א שליח אפגעגעבן דעם גאנצן נדן! דעם גאנצן נדן האט ער אפגעשיקט איר!

דער 'אלעזר' וואס ר' אייזיק איז ביי איהם איינגעשטאנען איז געווען א גרויסער מתנגד - ר' אייזיק פון אומאן דער וואס האט אויסגעבויעט די שול, זאגט ער: "אז איך זעה אזא מין זאך, אויס מתנגד, קיין אנדערער וואלט דאס נישט געטוהן"! כאטש ר' אייזיק איז דאך געווארן געראטעוועט, אבער ער איז דען געווען מחויב אפצוגעבן די גאנצע געלטער? די גאנצע געלט אפגעשיקט! האט ער געזאגט: איך ווער אויס מתנגד! אז אזא זאך זעהט מען ביי איך, אז מען האט באלד אפגעשיקט,

באלד צוגעאיילט זיך, ווי נאר ער איז געקומען אהיים, שוין אפגעשיקט די געלט צו די כלה מיידל, זי זאל האבן אירע!

(השואל: זי איז געווען א טאכטער פון אלעזר'ן?) איך ווייס נישט צו זי איז געווען א טאכטער, קען זיין אז זי האט זיך אויסבאהאלטן דארט, זי איז געווען דארטן, און זיי האבן געוואלט הרג'ענען ר' אייזיק'ן, נאך מענטשן געוואלט הרג'ענען, זי האט אוועקגעגעבן דאס געלט זענען זיי אוועקגעגאנגען, זיי האבן נישט געטשעפעט! ער איז געקומען אהיים האט ער באלד גענומען שוין, געשיקט א שליח און די גאנצע געלט אפגעשיקט!

(השואל: דאס איז שוין געווען דעם לעצטן יאר זיינער?) ניין, ער איז דאך נפטר געווארן פ"ד, דאס איז געווען דער ראש השנה פון פ'!

❖

## "צעשאסן זאל איך ווערן, נאר ביים רבי'ן זאל מען זיין!"

ערב ראש השנה - ער איז געקומען צו פארן, מיר זענען געגאנגען צופוס צום רבי'ן אויפ'ן ציון, ער האט נישט געקענט, מען האט נישט געקענט פארן, נאר ארום און ארום, האט געזאגט זיין בעל עגלה: "ווי קען איך פארן? ס'איז דאך א געוואלדיגע זאך אינדרויסן"?! די באנדעס - אה ס'איז געווען!

דער בעל עגלה האט זייער געגלויבט אין ר' אייזיק'ן, ער איז געווען זיינער בעל עגלה, א איד א חסיד'ישער, ער פלעגט דאווענען ביי אונז אויך, א איד מיט בארד און פיאות, ער איז געווען א בעל עגלה.

**ר' אייזיק האט א זאג געגעבן אזאווארט, "צעשאסן זאל ער ווערן, נאר ביים רבי'ן אויפ'ן ציון זאל מען זיין"! און דער בעל עגלה - ווי ער האט נאר געהערט דעם ווארט - "איך פאר שוין מיט ר' אייזיק'ן"!**[א]

**ער איז געפארן ארום און ארום און ער איז געוועזן ביים רבי'ן אויפ'ן ציון, און ער איז געקומען קריק און שוין! ערב ראש השנה אינדערפרי, צו זיין ביים רבי'ן אויפ'ן ציון ערב ראש השנה!**

**נאך ראש השנה איז ער אוועקגעפארן, און ער איז געקומען אויף יום כיפור קריק, יום כיפור איז שוין געווען שטילער, איז געקומען ר' אייזיק צוריק צו דאווענען מיט אונז!**

(אחד הנוכחים: ר' אלטר טעפליקער איז דעמאלט גע'הרג'ט געווארן?), **תרע"ט תענית אסתר!**

**איך האב דארטן געוואוינט אין זיין שטוב!** (אחר פטירתו כדלהלן), **ס'איז אריינגעקומען די רוצחים, האט ער זיך זייער דערשראקן פאר זיי, איז ער אריין צווישן די שאנק, דארטן איז דא א שאנק און דא איז דא א שאנק, ער האט זיך אריינגעקוועטשט אינעווייניג אריין - ר' אלטר, און זיי האבן געשריגן "גיב געלט", "גיב געלט"!**

**זיי האבן נישט געהאט קיין געלט, און דער זוהן אליעזר האט געהאט געלט, און קען זיין אז ער וואלט ווען געראטעוועט אויך, נאר ר' אלטר'ס זוהן איז געלעגן דארטן פארבאהאלטן!**

❖

---

[א] אגב, עי' בקונטרס טעם זקנים כ' מה שסיפר רלוי"צ על ר' יצחק דוחובנא מאנ"ש בטעפליק שאמר באותה שנה: **"ער מוז פארן צום רבי'ן, טאמער ער זאל אינמיטן וועג גע'הרג'עט ווערן** (שהיה אז בתקופת השתוללות הפורעים הרוצחים באוקריינא) - **בין איך דאך געוועז פאראיאר אויף ראש השנה! זיין דא און נישט זיין אין אומאן אויף ראש השנה - ווי קען דאס זיין אין דער וועלט"?!**

איך האב געראטעוועט מיין שוועער דורך דעם, ס'איז אריינגעקומען די רוצחים, איך בין געלעגן אונטער א בעט פארבאהאלטן, זענען אריין די רוצחים, אנגעכאפט דעם שוועער, "גיב געלט", "גיב געלט"! אויסגעשטרעקט דעם ביקס גלייך אויפ'ן הארץ "גיב געלט", זי עליה השלום (אשת רלוי"צ) האט איהם אנגעכאפט ביי די הענט (של הרוצח), זי האט ליב געהאט זייער דעם פאטער, זי האט אנגעכאפט ביי די הענט ער זאל נישט הרג'ענען! האט זיך דער אנדערער רוצח אנגערופן, "לאז איהם אפ, ער וועט דיך באלד הרג'ענען"!

האב איך נישט געקענט פארליידן, בין איך ארויס פון אונטערן בעט, זאג איך זיי, "איך גיב אייך געלט", "איך גיב אייך געלט"! דאס איז געווען פרייטאג צונאכטס, איך האב געהאט דארטן אין עפעס א צימער ליגן דארטן ספרים, איז געלעגן דארט אין א ספר עפעס אביסל געלט, און ס'איז פינסטער, ס'איז פרייטיג צונאכטס, און ווי וועל איך פונקט טרעפן דעם ספר? און איך האב נאך געוואלט ס'זאל נאך בלייבן עפעס פאר די שטוב אויך (על כן לא רצה להראות להם מקום הספר), האב איך געבעטן דעם אויבערשטען איך זאל טרעפן דעם ספר! איך זאל נעמען די געלט - איך זאל טרעפן דעם ספר! ס'איז דאך א שאנק מיט ספרים!

דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן, איך בין צוגעגאנגען, איך האב געטראפן דעם ספר! איך האב ארויסגענומען די געלט און איך האב עפעס איבערגעלאזט! "נאדיר געלט"! "פון וואנעט האסטו גענומען דאס געלט"? (- שאלו הרוצחים), האב איך געזאגט: "אין א שופלאד דארטן"! "נו, איר זענט דאך ארימעלייט לאזט מען אייך לעבן"! זענען זיי אוועק!...

❖

(חסר, מספר איך שהלך להביא מגילת אסתר ביום הפורים במסירת נפש באותה שנה) - - - נעמען די מגילה, די רוצחים האבן מיר באגעגענט אויפ'ן וועג, איך האב געהאט געוואלדיגע ניסים, איך בין אריין צום זיידן, איך האב געבראכט די מגילה! (השואל: וועלכער זיידע - ר' אהרן'ס א שוועער?) יא! א גרויסער ערליכער איד געווען!

איך האב געבראכט די מגילה, איך האב געליינט די מגילה, נאך אין א מגילה (כדינה)! ס'שטייט דאך "חייב אדם",[ב] "חייב" דארף מען האבן מסירות נפש!

❖

און "פסח" האב איך נאך געבאקן מצות אין שטוב! און ביים סדר זענען מיר געווען אלע צוזאמען, דער שווער אויך, און חול המועד האב איך געזאגט: "איך גיי אוועק! איך האב מורא! איך גיי אוועק צופוס קיין טעפליק"!

דער שווער איז אויך אוועק עפעס צו אן אנדער דארף, און זיי זענען נאך געבליבן - זי (אשתו) עליה השלום און משה (הבן של רלוי"צ) עליו השלום, זיי זענען נאך געבליבן אין שטוב, איך בין אוועק קיין טעפליק צופוס, דארטן איז געווען אביסעלע מער אפגעהיטן, אז ס'איז א גרעסערע שטאט קען מען דאך אפקויפן מיט געלט, זיי האבן דאך געוואלט געלט אסאך, איך בין אנגעקומען קיין טעפליק צופוס, איך קום אן, גלייך האב איך געזעהן צו שיקן - אין שטוב (בקיבליטש) איז גארנישט געוועזן, האב איך גלייך געמאכט מצות אסאך, נאך זאכן, און גלייך אוועקגעשיקט קיין קיבליטש זיי זאלן האבן וואס צו עסן!

(השואל: צו וועמען זענט איר געגאנגען דארט אין טעפליק?) אונזערע לייט זענען געווען דארטן!

און באלד נאך יום טוב זענען זיי (שאר המשפחה) גלייך געקומען קיין טעפליק, און ר' אלטר האט שוין נישט געלעבט, ר' אלטר טעפליקער איז דאך גע'הרג'ט געווארן, האב איך געדונגען ר' אלטר'ס שטוב, איך האב געוואוינט דארטן צוויי יאר אין ר' אלטר'ס שטוב!

(השואל: וואו האט זי געוואוינט - ר' אלטר'ס ווייב?) זי איז געווען דארטן מיטן זוהן אליעזר'ן, איך האב געדונגען די דירה ביי אליעזר'ן, געצאלט דירה געלט, און

---

[ב] שו"ע או"ח סי' תרפ"ז ס"א.

נאכדעם זענען זיי (הרוצחים) אריין אין קיבליטש, מען האט אלעמען אויסגע׳הרג׳עט! און ווער ס׳איז אנטלאפן איז געבליבן לעבן!

דאס אייגענע איז געווען אין טשעהרין אויך, די וואס זענען געבליבן זענען אלע געווארן אויסגע׳הרג׳עט, מ׳איז אנטלאפן קיין קרימינטשאק, און ווער ס׳איז געבליבן האבן זיי אויסגע׳הרג׳עט!

(השואל: "חיים קצב" - מתושבי אנ"ש שנתקרב לאנ"ש - איז נאך געווען דעמאלטס?) חיים קצב איז אוועק קיין הייסין, און דארטן איז ער געשטארבן און א אלט-הויז (מושב זקנים).

(השואל: און בשעת איר זענט אריין אין ר׳ אלטר׳ס שטוב, איז נאך געווען אן איבערקערעניש דארטן אין די שטוב?) יא! אוי, א גאנצן זומער האט זיך געגאסן בלוט אין טעפליק, א גאנצן זומער, אלעמאל האט זיך געגאסן בלוט, טייכן בלוט! (השואל: בשעת איר זענט געווען דארט?) יא, יא!

❖

דאס איז אלץ געווען אין דעם זומער פון ע"ט, דעמאלט איז גע׳הרג׳ט געווארן ישראל כהן ע"ה, פון אומאן אסאך מענטשן גע׳הרג׳ט געווארן, נו וואס ס׳האט זיך דעמאלטס געטאן, ר׳ אלחנן איז דעמאלטס געוועזן, אלץ איז געווען דעם זומער פון ע"ט!

און אויף תר"פ איז געווען די "פ׳ הידוע", ראש השנה (כנ"ל)! (ר׳ נחמן בורשטיין: "מעשה ידך אל תר"פ"!) מעשה ידך אל תר"ף! וואס דעמאלטס האט זיך געטוהן! אבער ס׳איז געווען א געוואלדיגער שיינער דאווענען געווען, אה, געוואלדיגער דאווענען געווען, ס׳האט מרעיש עולם געווען אונזער דאווענען!

(השואל: אבער ס׳איז געווען א קליינער עולם הייסט עס?) ניין, א שיינער עולם געווען! ס׳איז געווען א מנין, "יענקעלע כהן" (בארזעסקי ז"ל) איז דעמאלטס אנגעקומען, אינמיטן יום טוב איז ער אנגעקומען צופום! א אינגל צופום (פון פוילן)!

ער איז געלעגן אין א גרוב, מען האט איהם אריינגעשאסן, זיי האבן געמיינט אז מען האט איהם שוין געשאסן, איז ער אוועק פונעם גרוב, ער איז געקומען צופוס, ער איז געקומען קיין אומאן אין שול אריין, ער איז געווען דער צענטער - צען מענטשן זענען געקומען אויף ראש השנה פון דער פרעמד, און די איבעריגע (אנ"ש תושבי אומאן) איז געווען א שיינער עולם, פון דער פרעמד איז געווען צען, און יענק'עלע איז געווען דער צענטער! ר' שמשון האט איהם געזאגט: "דו ביסט דער צענטער"!

(ר' נחמן בורשטיין: מען האט דעמאלט געקלערט א שאלה וועגן חוץ לתחום?) וואס איז שייך? ער האט זיך דאך געראטעוועט!

(אחד אומר: - אזוי אויך ישראל נחמן [אנשין] - שהוליכו אותו בראש השנה לקישינעב בשנות התש"ל) ווען האט מען איהם געבראכט קיין קישינעוו? אויך אום ראש השנה? (אחד עונה: ס'איז געווען בעל כורחו)!

דארטן איז אויך געווען בעל כורחו, ס'איז נישט בעל כורחו? אז זיי זענען דאך געווען פול אויף אלע וועגן, אלע גאסן זענען זיי - (הרוצחים) געווען פול, און א קליין אינגעלע - אין גרוב האט מען איהם אריינגעשאסן!

(השואל: ער איז אליין געקומען פון פוילן?) פון פוילן! זיך בא'גנב'עט די גרעניצן! דער עיקר איז געווען אז ער איז געקומען נענטער צו אומאן, דא איז שוין געווען די הריגות מיט די באנדעס, ברוך השם ער איז געווארן געראטעוועט!

יענק'עלע - ער איז דעמאלטס געווען א קליין אינגעלע (בחור צעיר)! היינט ברוך השם האט ער שוין אור-אייניקלעך!

(השואל: פון דארטן איז ער געפארן קריק קיין פוילן?) ער איז נאך געבליבן א שטיקל צייט אין אומאן! (ומשם נסע לאר"י).

❖

און דעמאלטס איז אויך געווען א השגחה, ווען מען האט געהייסן שיסן האט מען געשאסן!...

ר' שמשון פלעגט דערציילן, אז ער איז געווען אויפ'ן בוידעם - פארבאהאלטן זיך, זיי זענען ארויף, איהם אראפגעשלעפט, און זיי האבן אויסגעשטרעקט דעם ביקס שוין צו שיסן איהם, ס'איז געקומען איינער אונטן, האט ער געזאגט: "שיס נישט"! און מ'האט איהם איבערגעלאזט! (השואל: ווער? א גוי?) ער ווייסט נישט ווער!

ר' שמשון פלעגט עס דערציילן און מאכן א סעודת הודאה!...

(ר' נחמן בורשטיין: ער האט אויך דערציילט דער אלטער ר' נתן [שטערנהארץ] אז נאך די מעשה איז מען געגאנגען קובר זיין, מען האט דאך אויסגע'הרג'עט, איז ער א דורכגעגאנגען מיט די גאנצע חברה, דערווייל אזוי ווי ער האט געטראגן איז געקומען א פרישע באנדע, האבן זיי איבערגעלאזט אלע נפטרים און אנטלאפן, אבער ס'איז גע'הרג'ט געווארן נאך מענטשן אסאך! איז עפעס אזוי אנטלויפנדיג האט מען איהם געכאפט, איהם מיט נאך איינעם, אזוי ווי ער איז געגאנגען אויפ'ן וועג האט דער רוצח געהאלטן אויף איהם אין האלז אריין דעם ביקס, און ער האט גענעבן א שאס, און ס'האט איהם גענעבן א גליטש און גע'הרג'ט א צווייטן!...)

די נפטרים זענען געלעגן עטליכע טעג, ביז זיי זענען געקומען פון אומאן (- החברה קדישא), זיי האבן געבראכט לקבורה, ר' אלטר - אלע זענען געלעגן, מען האט אלע אויסגעלייגט אויפן פעלד לקבורה, און אינמיטן איז געקומען נאך א באנדע (רוצחים), האט מען איבערגעלאזט אלע נפטרים און זיי זענען אלע אנטלאפן, און די מתים זענען געבליבן ליגן אויף דער ערד, און עטליכע טעג געלעגן אויף דער ערד אזוי אינדרויסן, נאכדעם אז ס'איז געווארן שטילער איז מען געקומען צו גיין און מען האט זיי געבראכט לקבורה!

❖

ביי מיר איז אויך אזוי געווען, ווען ער איז אריין דער גרויסער גזלן, "וואליניץ", א גזלן הידוע אין טעפליק, מען האט זיך פארבאהאלטן, און איך האב עפעס געוואלט אנטלויפן אין א אנדער שטוב, און מען האט מיר געפאקט אינמיטן וועג, האט איינער

אויסגעשטרעקט דעם ביקס - שוין אויף צו שיסן, האט ער אראפגעלאזט דעם ביקס, און ער האט מיר אנגעהויבן שלאגן, מיט דעם "פיקלאד" - מיט'ן ביקס אונטן מיט'ן גראבן פלאץ, האט ער מיר איבערגעבראכן א ביין פונעם פוס, און ער האט מיר געזאגט: "לויף"! ער האט געריטן אויף א פערד, "לויף! אויב איך וועל דיר דעריאגן וועל איך דיר הרג'ענען אויפ'ן וועג, טאמער וועל איך דיר נישט דעריאגן - וועסטו ארייגלויפן דארטן"! - דארטן אינמיטן גאס זענען געלעגן אלע מענטשן אויסגעלייגט אויף צו שיסן זיי - זאל איך לויפן אריין אויך צו זיי צוזאמען!

און איך האב געשפרונגען אויף איין פוס, דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א כח, מיט איין פוס בין איך געשפרונגען אז ער האט מיך נישט געקענט דעריאגן מיט'ן פערד! דער פוס איז שוין געווען צובראכן, איך האב נישט געקענט גיין אויף דעם פוס, איך בין צוגעשפרונגען אזוי, און איך בין אריין צווישן אלע אידן.

נו, הכלל מיט אלע אידן געלעגן דארטן, שוין אויסגעלייגט טויזנטער מענטשן דארטן, ס'איז געווען כ"ד תמוז, און ס'האט געברענט "כמוציא חמה מנרתיקה" האט געברענט די היץ, ארום און ארום איז געווען הונדערטער רוצחים, כ"ד תמוז איז עס געווען, און דעמאלט האט ער געהייסן - דער גזלן האט גערופן מענטשן זאל צוגיין צו איהם - ער האט גערופן מענטשן צו זיך צום שיסן! האט ער א מאך געגעבן צו מיר אויך, און איינער האט זיך פארבאהאלטן אונטער מיר, האט ער (געוויזן) אז ער מיינט דעם וואס ער איז אונטער מיר, האט יענער געמוזט ארויסגיין, האט ער "עטליכע און דרייסיג מענטשן" אויסגעבונדן, ער האט זיי אוועקגעלייגט מיט'ן פנים צו דער ערד, און ער האט איבערגעטרעטן מיט די פערד אויף זיי!

און די היץ האט געברענט, תקופת תמוז, א געוואלד האט געברענט די היץ, און נאכדעם איז עפעס א נס געווען, ער האט געוואלט אלע אויסשיסן, ס'איז עפעס א נס געווען - מען האט זיך עפעס איבערגערשראקן און אנטלאפן, און ער האט מיטגענומען מיט זיך די עטליכע און דרייסיג מענטשן, און ער האט אנגעזאגט די שטאט: "אז אויב ביז דריי טעג וועט מען נישט קומען אויסלייזן די מענטשן פאר

עפעס אזא מין סומע געלט, א געוואלדיגע סומע געלט, וועט ער זיי אויס׳הרג׳ענען! און אויב מען וועט קומען - וועט ער זיי לאזן לעבן״!

און דער דריטער טאג איז געווען שבת, מען האט צוגעגרייט אז מען זאל קומען אויסלייזן אפילו שבת, ראטעווען! און שבת איז אנגעקומען א אנדערע באנדע, און זיי האבן איבערגענומען די מענטשן וואס האבן געפירט די געלט, מען האט גענומען דארטן גוים דאקטוירים, די גוים פון די שטאט, זיי האבן אוועקגעפירט דאס געלט זיי זאלן ראטעווען די עטליכע און דרייסיג מענטשן, ס׳איז געקומען אויפ׳ן וועג האט מען זיי איבערגענומען! ״וואו פארט איר״? דערציילן זיי די מעשה דארטן! האט מען צוגענומען די געלט! האט מען זיי טאקע דארט אלע גע׳הרג׳ט, אלע אויסגע׳הרג׳עט!

נאכדעם איז געווען א שטיק צייט מיט׳ן פוס, ביז די פוס האט זיך אויסגעהיילט.

❖

(השואל: דאס איז געווען א מלחמה קעגן די אידן דווקא?) נאר אנטקעגן אידן! אלע האבן געפרעסן געזויפן אידיש געלט, אידיש פארמעגן, נאר אנטקעגן אידן!

(השואל: אין ברסלב האט מען אויך יענעם מאל גע׳הרג׳ט?) אין טולטשין איז דעמאלט גע׳הרג׳ט געווארן, אין ברסלב, אין נעמירוב, אוודאי!

אז ס׳האט זיך געענדיג די גרויסע וועלט׳ס קריג (מלחה״ע הראשונה), אז ס׳ענדיגט זיך א קריג איז די אלע געווער גיבן זיי אוועק צוריק, א חייל מוז אפגעבן די געווער, אבער אז מען האט גע׳הרג׳ט דעם קיסר, מען האט ניקאליי׳ען גע׳הרג׳עט, איז נישט געווען קיין קיסר, האבן זיי מיטגענומען אלע געווער מיט זיך! אלע געווער פון די מלחמה האבן זיי מיטגענומען מיט זיך, האבן זיי דאס אויסגענוצט אויף אויסצו׳הרג׳ענען אידן!

תרע"ד (היתה המלחה"ע) - ביז ע"ז, און ע"ז האט מען גע'הרג'עט דעם קיסר ניקאליי'ען, ס'איז געווארן די קאמוניסטן, ס'איז געווארן א וועלט! ס'האט זיך אנגעהויבן צו באארבעטן א וועלט! מען האט גע'הרג'עט ניקאליי דעם קיסר, מיט אלע קינדער, אינגאנצן אויסגע'הרג'עט אלע, און יענער דארטן ימח שמו האט איבערגענומען די מלוכה, און ס'איז געווארן די באלשעוויקעס, און מען האט אנגעהויבן הרג'ענען!

זיי (הקומוניסטן) האבן נישט געשאסן קיין אידן, (אחד הנוכחים: זיי האבן דאך אליין געהאט אידן גרויסע) נאר וואס דען, די באנדעס האבן גע'הרג'ט אידן! זיי - די באנדעס - האבן געזאגט אז "אידן זענען קאמוניסטן"! (השואל: די באנדעס זענען געווען אנטקעגן קאמוניסטן?) אוודאי, אוודאי!

❖

אוי דאס איז געווען! נאר וואס דען - ביי אונזערע לייט טאקע האט מען געזעהן געוואלדיגע ניסים, אין אומאן איז געווען עפעס - ניסים געווען! אין די צרות האט מען געזעהן געוואלדיגע ניסים!

אין דעם ראש השנה פון פ' - איז געווען ממש דער "שארף פון שווערד" איז געווען! (רצ"ל שנתקיים אצל אנ"ש מה שאמר פעם מוהרנ"ת - מובא בשיש"ק: ווען עס וואלט געווען די גאנצע וועג אנגעלייגט מיט שארפע שווערד אויף ארויף, וואלט איך זיך געראטשקעט אויף די הענט און אויף די פיס, און איך וואלט געפארן וכו', ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ג').

(השואל: ראש השנה פון פ' האט איר נאך געהאט א צובראכענע פוס?) יא, ס'איז אזוי געווען דעמאלט - אז מען האט גארנישט געקוקט, צובראכן, נישט צובראכן, יעדער איינער איז געווען ביי זיך אזוי ווי לאחר יאוש, אז נישט היינט איז מארגן, מען איז עפעס א מענטש געווען דעמאלט?!

(השואל: מען האט נישט געקענט אנטלויפן?) ס'איז געווען וואס זענען אנטלאפן, ס'איז געווארן געראטעוועט אויך אסאך, מען איז געלאפן, געלאפן, גע'הרג'עט, געלאפן ווייטער.

אז ס'איז אנגעקומען קאמוניסטן איז מען געפארן צוזאמען מיט זיי, פאר די קאמוניסטן האבן זיי כאטש מורא געהאט, די קאמוניסטן האבן זיי גע'הרג'עט, אסאך מענטשן זענען געפארן צוזאמען מיט זיי, אסאך האט מען גע'הרג'ט פון זיי אויך, נו!

(אחד הנוכחים: השם נפשינו בחיים!)

❖❖❖

## "אבי לעבן איינער וואס איז געווען אין אומאן"...

- - - ווען רבי אפרים[ג] האט געהאלטן ביים נפטר ווערן, און דעמאלטס איז נפטר געווארן דעם רב'ס זוהן דארטן, דער רב פון טשערין, נישט דער 'טשערינער רב' (ר' נחמן תלמיד מוהרנ"ת ז"ל), ס'איז דאך געווען צוויי רבנים, א אנדערער רב - זיינער א זוהן.

מען איז אריינגעקומען צו רבי אפרים דארטן, רופט ער זיך אן צו זיי מיט א שמייכל; "איר קענט דאך אפשר מיינען, איר וועט מיר געבן א מקום לעבן דעם רב'ס זוהן"?! - - ער איז געווען א למדן א גרויסער א ירא שמים, האבן זיך אנגערופן אונזערע לייט, "מען טראכט אזוי"! (- להניחו במקום חשוב, סמוך לבנו של הרב דשם. אמר להם ר' אפרים); "חס ושלום! לעבן א טרעגער, לעבן א וואסער פירער, אבי איינער וואס ער איז געווען אין אומאן אויף ראש השנה"!

---

[ג] מתלמידי מוהרנ"ת ז"ל, בנו של ר' נפתלי תלמיד רביז"ל ריעו ועמיתו של מוהרנ"ת ז"ל. בסוף ימיו עלה להשתקע לארץ ישראל, והיה נוסע משם לאומאן על ראש השנה, כמסופר להלן.

און דעמאלטס איז נאכנישט געווען (- אנשים חשובים מאנ"ש בבית העלמין דשם), האט מען איהם געלייגט טאקע ערגעץ לעבן א פראסטע מענטש פון אונזערע לייט, וואס ער איז געווען אין אומאן אויף ראש השנה!

נאכדעם ליגט שוין טאקע 'רבי פנחס יהושע' - ליגט שוין לעבן איהם אויף די אנדערע זייט, ער איז שפעטער נפטר געווארן.

ער האט געזאגט - רבי אפרים רבי נפתלי'ס - "ווער ס'זאל זיין! אבי ער איז געווען אין אומאן אויף ראש השנה"!

❖

איך רעדט אלס די אלע שמועסן אלס, וואספארא אהבה ס'איז געווען ביי אונזערע לייט! ער איז געווען אויף ראש השנה - קען זיין א פראסטע מענטש - א גראבער יונג קען זיין! רבי אפרים איז געווען א גאון, א שר התורה, רבי אפרים! ס'איז עפעס א קלייניגקייט? 'רבי אפרים'!

האט ער זיך געהייסן לייגן לעבן וועמען ס'זאל נישט זיין, אבי ער איז געווען אין אומאן אויף ראש השנה! אזא אמונה איז געווען אינעם רבי'ן, אזא מין אהבה, אזא מין התקשרות צום רבי'ן!

❖

## "נישט זיין אין אומאן אויף ראש השנה"?!...

- - - רבי אפרים איז געווען א זקן אין די צייטן פון ניינציג יאר, רבי אפרים, ווען ער איז נפטר געווארן איז ער געווען א זקן, און דעמאלטס איז ער געפארן אלע יאר (לאומאן על ראש השנה), פלעגן זאגן די מענטשן דארטן; "אזא אלטער איד פארט ארויס פון ארץ ישראל?! אזא אלטער איד"?!

זיי האבן נישט געוואוסט אז ער פארט קיין אומאן אויף ראש השנה, ער האט געזאגט; "איך וויל מאכן א פאר רובל"! פאַר א פּאָר רובל איז שוין געווען גוט...

אבער ער איז נישט געפארן פאר דעם, פארקערט - ער פלעגט פארטיילן געלד וואס די קינדער פלעגן צו שיקן[ד].

❖

ווען אונזערע לייט האבן געפרעגט רבי אפרים, האט ער געזאגט מיט דעם לשון;[ה] **"ער זאל בלייבן ליגן אונטער א פַּארקן - אונטער א גדר - אבי פאָרענ'דיג קיין אומאן אויף ראש השנה"!!**

טאמער העט ער נישט דערלעבן, טאמער וועט ער נישט דערפארן דעם וועג, העט ער בלייבן הונטער א פארקן!

איינער אין טעפליק, איינער (ה"ה ר' יצחק דוחובנא ז"ל) האט ער אזוי געזאגט; "ער מוז פארן צום רבי'ן, טאמער ער זאל אינמיטן וועג גע'הרג'עט ווערן (שהיה אז בתקופת השתוללות הפורעים הרוצחים באוקריינא) - בין איך דאך געווען פאראיאר אויף ראש השנה! זיין דא און נישט זיין אין אומאן אויף ראש השנה - ווי קען דאס זיין אין דער וועלט"?! פארשטייסט?!

האט ער געזאגט (ר' אפרים הנ"ל); "ער זאל בלייבן אונטער א פארקן - פאָרענדיג קיין אומאן אויף ראש השנה"! - דאס האט רבי אפרים געזאגט!

איז ער אוועקגעפארן פון ארץ ישראל קיין אומאן אויף ראש השנה.

❖❖❖

---

[ד] עי' שיש"ק ה' קמ"ז.

[ה] עי' שיש"ק ה' קמ"ו, ובס' "עין הארץ" לר' שמואל צצ'יק ז"ל, עמ' לב.

## "וואלטסטו מקיים געווען די 'עקידה'!"

(השואל: וועלכער יאר איז געווען וואס 'ברוך' האט נישט געלאזט זיין זון 'יוחנן' פארן אויף ראש השנה?) דאס איז געווען אין די יארן פון די מלחמה, דאס איז געווען תרע"ו. תרע"ז האט מען שוין גע'הרג'עט ניקאליי'ען, איז שוין געווען גרינגער.

דער ערשטער ראש השנה מיינער איז געווען תרע"ה, איך בין געקומען אלול תרע"ד (אויף אומאן), תרע"ה איז ער יא געווען (יוחנן), אבער תרע"ו איז שוין געווען א געוואלדיגע פייער.

מען האט גענומען אין די מלחמה (אנשים לצבא), די מלחמה איז געווען, און יוחנן איז געווען שייכות צו די מלחמה, און מען האט אים געזוכט, מען האט גענומען אין די צבא, און אז מען האט גענומען אין די צבא, איז מען געווען 'ניין און ניינציג פראצענט' א גע'הרג'עטער!

ער האט געמאכט א ארמיי - דער ניקאליי - פון צוואנציג מיליאן מענטשן, ער האט גענומען - ער האט נישט געקוקט אויף קיין רבי'ס, ראשי ישיבות, פון 'אכצן' ביז 'פיר און פופציג', ס'איז נישט שייך געווען מען זאל זיך ארויסדרייען!

ס'איז געווען דעמאלט אזעלכע 'צער גידול בנים', ס'האט זיך געטוהן דעמאלט א געוואלד, א געוואלד האט זיך געטוהן.

און זיי האבן געוואוסט אז ער פארבאהאלט זיך אויס, און יוחנן האט געוואלט קומען אויף ראש השנה, זיין טאטע האט אים נישט געלאזט! 'ער' האט געוואלט, אבער דער טאטע האט אים נישט געלאזט!

און אז ער איז נאר אריין געקומען אין שול אריין (- ר' ברוך בארדיטשובער), איז צוגעגאנגען צו אים ר' אברהם ר' נחמן'ס: "וואו איז יוחנן"? האט ער אים געזאגט, "ער האט געוואלט, נאר איך האב אים נישט (- געוואלט לאזן קומען)!".

האט אים ר' אברהם געזאגט: "ווען דו וואלסט וועז אים ברענגען, וואלטסטו מקיים געווען די עקידה!".

נו נו נו, האט שוין ר' ברוך אנגעהויבן צו גיסן טרערן! ר' אברהם האט נאר געזאגט דעםווארט - האט ער שוין געהאט זיינס!

"אבידה שאינה חוזרת"![1]

יוחנן, אז ער איז געווען ביים רבי'ן אויפ'ן ציון, האט מען דערקענט אז יוחנן איז געווען! דער 'ציון' איז געווארן פול מיט טרערן, "איי, יוחנן איז שוין געווען אויפ'ן ציון!". אזא 'בעל בכי' ווי ער איז געווען, נעבאך א צובראכענער מענטש געווען!

❖

## "א פלא - ער וויל נישט מיטנעמען דעם זון"...!

(אחד מהנוכחים: דער רבי האט דאך שוין געזאגט: "מיין זאך איז א פלא, א טאטע פארט צו מיר" - - ) דאס איז געווען ביי ר' יודל'ען!

---

[1] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, סי' שס"ב; **לֹא יָכֹלְתִּי לְהִתְאַפֵּק מֵעֹצֶם אַהֲבָתְךָ לְחַזֶּקְךָ וּלְזָרֶזְךָ שֶׁלֹּא יִהְיוּ לְךָ שׁוּם סְפֵקוֹת חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבְּךָ בְּעִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה** וכו', **אֲבָל יוֹתֵר מִזֶּה בְּנִי הִזָּהֵר וְהִזָּהֵר שֶׁלֹּא תִּהְיֶה חַס וְשָׁלוֹם בִּכְלַל חֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (חֲגִיגָה ו:) זֶה שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו וְכוּ', בִּפְרָט לְעֵסֶק קָדוֹשׁ וְנוֹרָא כָּזֶה...**

ר' יודל איז געפארן דעמאלט פון מעדוועדיווקע, און דער זון זיינער איז געווען ר' ישעי' שלום, ער האט געוואלט פארן, אבער ער האט אים נישט מיטגענומען, ער איז געווען א ארימאן האט ער אים נישט מיטגענומען.

**ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, זאגט אים דער רבי: "מיין זאך איז א פלא, א טאטע פארט - גלויבט ער דאך אין מיר - דער זון וויל פארן, וויל ער אים נישט מיטנעמען!". דער רבי האט אים שוין באצאלט...**

**דער רבי האט זייער געהאלטן פון ר' ישעי' שלום'ען, דער רבי האט געזאגט אויף אים גרויסע שבחים![ז] ר' ישעי' שלום האט געהאט א זון 'ר' יחיאל מענדל', דער וואס ער האט געמאכט די 'מפתחות',[ח] און 'ר' זלמן' דער רב פון מעדוועדיווקע, און נאך א זון 'ר' יונה', האט ער געהאט די דריי זון! 'ר' דוד צבי' איז געווען ר' יונה'ס א זון - 'ר' דוד צבי דאשיווסקע'** (מזקני חשובי אנ"ש באומאן).

(השואל: פארוואס האט אים ר' יודל נישט מיטגענומען?) **פארוואס?! ווייל ער איז געווען אן ארימאן!** (השואל: א 'רבי' - אן 'ארימאן'?) **ר' יודל איז געווען אן ארימאן! ער איז דען געווען א 'רבי'?! ער איז געווען אין זיין שטעטל דארטן, פלעגן פארן צו אים יונגעלייט דארטן!**

**'פריער' איז ער געווען א רבי, איידער ער איז מקורב געווארן - נאך די הסתלקות פון 'רבי פנחס קאריצער' - איז ער געווארן א רבי אין 'דאשיב', א שיינער רבי איז ער געווען! 'ר' שמואל אייזיק' איז געווען זיינער א חסיד, און 'ר' בער',[ט] ער האט געהאט 'שיינע חסידים'! ער אליין איז געווען א תלמיד פון רבי פנחס קאריצער, און רבי לייב**

---

[ז] עי' שיש"ק ח"ב אות ר"ח.

[ח] רצ"ל המפתחות מספרי ליקוטי הלכות, מסודרים עפ"י התורות שבספר ליקוטי מוהר"ן, הנדפס בסוף ליקוטי מוהר"ן, ובליקוטי מוהר"ן דפוס ארה"ב תשכ"ה מצורף שם גם הקדמה קצרה ממנו. כמו כן חיבר קונטרס 'שיר ידידות' על גדולת רביה"ק ז"ל.

[ט] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"ט - כ"ב.

טראסטינעצער'ס אן איידעם! ער האט געהאט מיט וואס צו זיין א 'רבי'! אז ער איז געווען א רבי - האט ער שוין געהאט דארטן א שטיקל 'מעמדות'. אבער אז ער איז געווארן א 'ברסלב'ער חסיד', איז ער געווארן 'אויס רבי'! אוי אוי אוי, דאס קען מען גארנישט פארשטיין די זאך!

❖❖❖

## 'שומר מצוה לא ידע דבר רע'

(כאן חסר קצת, מדבר מהראש השנה האחרון שלו באומאן, בשנת תרצ"ח, כשאנ"ש התקבצו להתפלל ולסעוד במרתפו של ר' משה ירוסלבסקי ז"ל) - זיי האבן נישט געוואוסט, דער עולם האט נישט געוואוסט, און ס'איז געווען אזעלכע וואס זענען געווען גרויסע רבנים, נייע זענען געווען ביי אונז, מען האט אראפגעלייגט א דאווענען אז ס'איז געווען א געוואלד.

מען האט געענדיגט דאס דאווענען, איך און אליהו חיים (רוזין ז"ל) זענען געזעצן אין תפיסה פריער, געזעצן אין תפיסה, קומט מען צו צו מיר, מען זאגט מיר, "דו ווייסט אז אינדרויסן ווארט מען דיר אפ?! ביים גאנצן דאווענען שטייען זיי, זיי האבן נישט געוואלט אפשטעלן דעם דאווענען, און איצטער שטייען זיי אינדרויסן"!

איך האב דאס געהערט, איך בין דאך שוין געווען אן אפגעבריהטער! וואס האבן אונזערע לייט געטוהן? ס'איז געווען א אונטער טיר, זיי (המשטרה) האבן פארשלאסן די (פאדערשטע) טיר דארטן, קיינער קען נישט ארויס! האבן אלע געגעבן א שיס ארויס (- א לויף ארויס) דורך דער אונטער טיר, זיי האבן געעפענט די (פאדערשטע) טיר, איז געווען ליידיג! זיי האבן קיינעם נישט געטראפן!

שוין, איז געווען גוט, פיין, און משה גיבט ווייטער עסן, משה גיבט עסן ווייטער! דעם אנדערן אויפדערנאכט זענען זיי געקומען, איהם געטראפן געבן עסן ווייטער, און זיי האבן איהם צוגענומען, מען האט איהם איינגעזעצט, און מען האט איהם

פאר'חתמ'עט דעם קעלער. האבן מיר שוין נישט געהאט וואו צו דאווענען, האבן מיר שוין געמוזט דאווענען אין צעשפרייטע ערטער!

פונדעסטוועגן, וואו איך האב געדאווענט האבן אויך דארטן אין דעם אנדערן קעלער געדאווענט מערערע מענטשן, און זיי זענען ארייגעקומען, אין סוף מוסף דארטן, דעמאלטס האבן מיר זיך געשטעלט דאווענען צום טאג (כשהאיר היום), און מען האט געענדיגט דאס דאווענען עפעס עלעף אזייגער, און זיי האבן זיך נאך מקדים געווען, זיי זענען אריינגעקומען ביים סוף מוסף.

איך האב דעמאלטס געדאווענט מוסף (פארן עמוד), געדענק איך אז איך האב זייער מקצר געווען, געזאגט דעם קדיש און אוועק, דורך א פענסטער ארויס! (השואל: און דער גאנצער עולם האט אפגעצויגן?) אוודאי!

און משה זיצט, איז ער געזעצן ביז שבת, און שבת האט מען איהם באפרייט.

(ר' נחמן בורשטיין: וועלכער יאר איז דאס געווען? נאך אייער באפרייען?!) דאס איז געווען דער ראש השנה פון צ"ח, איך בין ארויס (פון תפיסה) צ"ו פרשת שקלים, ראש השנה צ"ז איז געווען מיט חסד, און צ"ח איז געווען דער ראש השנה.

און מען האט איהם באפרייט שבת בייטאג, ס'איז אנגעקומען פון מאסקווע - ער איז אן "ארבייטער", און מען האט איהם באפרייט. איז ער גלייך ארויף צום רבי'ן אויפ'ן ציון, שבת, איז דעמאלטס געווען א שלש סעודות אזא מין שמחה איז געווען! א מין שמחה שלש סעודות! הא, ס'האט זיך געקאכט זיך א שלש סעודות!

❖ ❖ ❖

## נישט זיין אויף ראש השנה דאס קען נישט זיין

(עס איז) א מחיה געווען צו הערן דאס לערנען זיינער (- ר' יצחק דאכאווע), דאס יאר פון תרע"ט אויף ר"ה פ', קיינער איז (דעמאלס) נישט געווען – ער האט געבלאזן שופר.

ער איז געפארן. ער האט דאך געזאגט אזוי, די ווייב איז (אים) נאכגעלאפן – זי האט געוויינט, האט ער געזאגט: "זיין אין דעם עולם און נישט זיין אויף ראש השנה, דאס קען נישט זיין, טאמער וועט מען מיר הרג'ענען, בין איך דאך געווען פאר א יארן אויף ראש השנה", טאמער וועט מען אים הרג'ענען... עס זענען געווען דעמאלט די באנדעס (הרוצחים אנשי פליורה ימ"ש), בין איך דאך פאר א יארן געווען אויף ראש השנה, זיין דא און נישט זיין אויף ראש השנה דאס קען נישט זיין!

(השואל: נישט ר' אייזיק'ל האט געזאגט צעשאסן וועל איך ווערן?) דאס איז עפעס אנדערש, כדי צו צו פארן (באומן) צום רבי'ן אויפ'ן ציון (ערב ר"ה באותה השנה).

ער האט געענטפערט צו דער ווייב! זיין דא און נישט זיין אויף ראש השנה, דאס קען נישט זיין!

א ברסלבער חסיד אזוי, א מחיה געווען צו רעדן מיט אים אין רבי'נס זאך! ווען ער איז געווען אן אבל, (נאכדעם וואס) די מוטער (זיינע) איז געשטארבן, האט ער געדאוונט פאר'ן עמוד, (עס איז) א מחיה געווען זיין שמונה עשרה, ער האט געדאוונט מיט טרערן, מיט אזא מין דביקות, 'אנדערע' האבן געזאגט אז אזא דאווענען הערט מען נישט! זיין מאמע קוועלט דארטן פון זיין דאווענען! מיט טרערן, אזא מין געשמאקייט די שמונה עשרה געזאגט!

❖❖❖

דאס איז געווען א איד (ר' איציק) - א הארציגער איד! אוי אוי! טאקע דעם יאר וואס ר' מרדכי ע"ה און יענקל זענען נפטר געווארן צוזאמען, און ער איז עפעס נישט געווען דעמאלטס אין קראווארק, און ער איז געקומען און געוואויר געווארן פון יענקל - - 'יענקל' איז געווען א תכשיט, א בחור א צדיק, א חסיד! נעבעך אזא מין מיתה חטופא - - -

ער (ר' איציק) האט געהאט אן איידעם "ר' לאבע" (לייבל), א טייערע יונגערמאן געוועז, אה! און ווען ער איז אוועק געפארן אויף ראש השנה, איז דער איידעם געוועז ממש א גוסס, און ער איז נפטר געווארן באלד! און ר' איציק איז געקומען צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה - - - יענקל איז נעבעך אוועק, און לאבע איז קראנק, און ער האט פארשטאנען אז ער איז שוין אויך נישט דא.

ער איז געקומען אויף ראש השנה - "ר' אברהם שטערנהארץ" (ששימש כש"ץ מלפנים) איז שוין געוועז אין ארץ ישראל, האט מען איהם אוועק געשטעלט אז ער זאל דאווענען מנחה ערב ראש השנה - ר' איציק'ן, ער איז געוועז א גרויסע בעל בכי, האט ער אוועק געלייגט א שמונה עשרה - איך האט נאך אין מיין לעבן אזעלכס נישט געהערט! דאס קען מען נישט ארויסרעדן! וואס דער מענטש - ער איז געוועז א גרויסע בעל בכי, און דא האט ער געהאט א שברון לב, אוי אוי אוי אוי! נישט 'ער' האט געוויינט - די 'ווענט' האבן געוויינט! די ווענט האבן געוויינט פון זיין דאווענען!

מען האט געענדיגט 'המברך את עמו ישראל בשלום' - מען האט קוים געקענט ענדיגן 'המברך את עמו ישראל בשלום'! ער האט צוגעצויגן מיט כוחות אז מען זאל קענען מסיים זיין די ברכה!

פונדעסטוועגן - ער איז געוועז מיין אורח, ראש השנה האט ער גערעדט גוטע דיבורים, ער האט זיך געשטארקט מיט שמחה, ער האט זיך געשטארקט! ער איז א ערליכע איד געוועז, ער האט גערעדט ביים טיש - זייער גוטע ווארימע דיבורים גערעדט, פון התבודדות - - ער איז נפטר געווארן דעם אנדערן יאר.

ער איז געוועז ביים טיש, ער האט געוויזן א סבר פנים יפות! א פרייליך פנים, ער האט א שמייכל געטאהן, דאס הארץ איז איהם געוועז זייער צובראכן, אבער ער איז א ערליכער איד געוועז!

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה

**בקשו רחמים**
לרפואת האברך מיקירי אנ"ש ר' **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש בקרוב בתושח"י